# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת תזריע מצורע תשפ"ה שנה י | גליון מס' 579

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג



ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פערל פון תפילה אין די פרשה

### די צרעת הנפש האלט אפ די תפילה

**"כָּל יְמֵי אֲשֶׁר הַנֶּגַע בּוֹ יִטְמָא טָמֵא הוּא בָּדָד יֵשֵׁב מִחוּץ לַמַּחֲנֶה מוֹשָׁבוֹ"** (יג מו)

דער משפיע רבי משה וואלפסאן זאגט:

דער 'חפץ חיים' שרייבט ('שמירת הלשון' שער הזכירה ז) אז די שטראף פון צרעת אויף די זינד פון די מויל איז אויך פאראהאן אין אונזערע צייטן. אבער אנדערשט פון די צייט וואס די בית המקדש איז געשטאנען, וואס דעמאלטס האט זיך די 'נגע צרעת' אנגעזען אין דער קערפער, אין אונזערע צייטן איז עס באהאלטן און קלעבט זיך אן אין די נפש. דער פסוק (משלי כא כג) איז אויף דעם מרמז: "שֹׁמֵר פִּיו וּלְשׁוֹנוֹ שֹׁמֵר מִצָּרוֹת נַפְשׁוֹ".

לויט דעם, זאגט דער משפיע רבי משה וואלפסאן, קען מען זאגן בדרך רמז, אזוי ווי אין צייטן פון בית המקדש האט דער מצורע נישט געמעגט אריינגיין אין ירושלים (המוקפת חומה מימות יהושע בן נון, ראה רמב"ם טומאת צרעת י ז), אזוי אויך בזמן הזה, דער וואס רעדט לשון הרע און זיין זעהל איז געשטראפט מיט צרעת, איז נישט פאסיג אז זיין תפילה זאל אריבערגיין דעם באשטימטן טויער פון תפילה וואס געפונט זיך אין ירושלים, און פון הימל האלט מען אפ ער זאל נישט קענען דאווענען א תפילה וואס ווערט אנגענומען, און זיין הארץ ווערט פארשטאפט פון צו פילן א זיסקייט אין תפילה.

דער ענין איז מרומז אין דער פסוק (תהילים קמב ח): "הוֹצִיאָה מִמַּסְגֵּר נַפְשִׁי לְהוֹדוֹת אֶת שְׁמֶךָ", ד.מ. הייל אויס מיין נפש פון די צרעת, וואס דער וואס איז געשלאגן מיט דעם ווערט אנגערופן "סגירא" אין תרגום, כדי איך זאל קענען "לְהוֹדוֹת אֶת שְׁמֶךָ" ביים דאווענען.

'ואני תפלה' עמ' נח

## קול אמונים

### די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### אויב דו וועסט נישט ענטפערן, וויאזוי וועסטו געענטפערט ווערן?

אין אונזער פרשה ערקלערט די תורה די הלכות פון 'צרעת', וואס קומט ווי א שטראף אויפן נכשל ווערן מיט די זינד פון די מויל. דער זוהר הקדוש (מצורע נג א) אנטפלעקט אונז אז דאס איז נישט זיין איינציגסטע שטראף, נאר אויסער דעם, די דיבורים אסורים זענען אויך מטמא זיין מויל און האלטן אפ זיין תפילה פון אנגענומען ווערן.

אבער, "מות וחיים ביד הלשון". אזוי ווי די צונג האט א כח צו פארמאכן די טויערן פון תפילה, אזוי האט עס א כח זיי צו עפענען. דער זוהר הקדוש (וילך רפה ב) לערנט אונז דעם געוואלדיגן כח פון ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, און דאס זענען זיינע ווערטער: "ווען אידן געבן אכטונג ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין, רופט אויס דער קול אין אלע וועלטן: 'פתחו שערים ויבוא גוי צדיק שומר אמֻנים' (ישעיה כו ב) - אל תקרי 'אמונים' אלא 'אמנים'. אזוי ווי די אידן האבן געעפענט די טויערן פון ברכות מיטן ענטפערן אמן, אזוי וועט זיך עפענען פאר זיי די טויערן פון תפילה, און זייער תפילה וועט אנגענומען ווערן".

און דו, געשעצטער ליינער, וועסט צוגיין צו א תפילה אן צו עפענען פון פריער די טויערן פון תפילה?! אין דיין האנט ליגט די שליסל, אויף דעם וועסטו מוותר זיין?!

נישט אומזינסט זאגן מיר יעדן אינדערפרי, בעפאר די ברכות השחר, דעם פסוק וואס דערמאנט אונז דער יסוד (תהילים סט יד): "ענני באמת ישעך", ד.מ. "ענני באמת" - ענטפער מיר אין זכות פון ענטפערן אמן, וואס ווי באקאנט איז 'אמת' זיין טייטש.

דערלייג נישט די געלעגנהייט צו עפענען די טויערן פון תפילה! קום פרי יעדן אינדערפרי אין שול און זאג די ברכות השחר מיט א חבר! דאס איז א גרינגע און פשוטע זאך, אבער עס איז נישטא נאך זאך וואס האט אזא שטארקייט, און דו האסט א הבטחה אז דיין תפילה וועט אנגענומען ווערן ברחמים וברצון.

**מיט א רוף "ענני באמת ישעך"!**
**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

## דער כח התפילה פון דער וואס איז אפגעהיטן פון לשון הרע

**"זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע בְּיוֹם טָהֳרָתוֹ וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן"** (יד ב)

אין מדרש אין אונזער פרשה (ויק"ר טז ב) ווערט געברענגט די באקאנטע געשיכטע אויף דעם פעדלער וואס האט פארגעשלאגן פאר אלע דורכגייער מען זאל קויפן ביי אים "סם חיים". ווען רבי ינאי האט דאס געהערט האט ער געוואלט קויפן די רעצעפט. האט דער פעדלער ארויסגענומען א תהילים און אים געוויזן אויף די פסוקים (לד יג-יד): "מִי הָאִישׁ הֶחָפֵץ חַיִּים... נְצֹר לְשׁוֹנְךָ מֵרָע". הערנדיג די ווערטער איז רבי ינאי זייער איבערגענומען געווארן פון די קלוגשאפט פון דעם פעדלער און האט אויסגערופן: "אלע מיינע יארן האב איך געלערנט דעם פסוק און איך האב נישט געוואוסט ווי פשוט עס איז, ביז דער פעדלער איז געקומען און מיר צו וויסן געטון!".

אסאך וואונדערן זיך: דער פעדלער האט דאך נישט צוגעלייגט אויסער דעם פשוט'ן באדייט פונעם פסוק, פון וואס איז רבי ינאי איבערגענומען געווארן?

ערקלערט **רבי צבי הירש פערבער** פון די לאנדאנער רבנים:

אין די ווערטער פונעם פעדלער ליגט א טיפן באדייט אין די טייטש פון די פסוק. די אפגעהיטנקייט פון לשון הרע שענקט לעבן נישט נאר פאר דער וואס געבט אכטונג אויף זיין מויל, נאר ער איז אויך זוכה אז ער באקומט כח צו קענען שענקען לעבן פאר אנדערע. ד.מ. אז דער וואס היט זיין מויל - ווערן זיינע תפילות און בקשות אנגענומען, אזוי ווי אונז האבן מיר געזען אין אלע דורות, אז די תפילה פון די וואס האבן געהייליגט זייער מויל איז אנגענומען געווארן. אויף דעם איז אויך מרמז דער פסוק (במדבר ל ג) "לֹא יַחֵל דְּבָרוֹ כְּכָל הַיֹּצֵא מִפִּיו יַעֲשֶׂה"; ווער עס פארשוועכט נישט זיין מויל מיט דיבורים אסורים, איז זוכה אז אלעס וואס ער זאגט ארויס פון זיין מויל ווען ער דאוונט, ווערט געטון אין הימל.

'כרם הצבי'

# בִּרְכּוֹת הַשַּׁחַר כַּהֲלָכָה

בְּקוֹל בְּכַוָּנָה בְּחַבְרוּתָא

# — די טשעק וואס איז פארטוישט געווארן און די אמן וואס מ'האט דערלייגט —

הרה"ג רבי הלל דוד ליטוואק שליט"א, א גרויסער תלמיד חכם פון פלעטבוש וואס איז אין ניו יארק, וואס האט פארפאסט עטליכע ספרים, פירט זיך יארן לאנג אז אין יעדע פאלץ און אין יעדע געלעגנהייט איז ער מחזק די מצוה פון ענטפערן אמן כהלכתה.

אין אנהויב פון זיין ספר 'חובת עניית אמן' שרייבט ער א מעשה וואס אין דעם זעהט מען א וואונדערליכע השגחה פרטית, און א שטארקע חיזוק איבער די מצוה פון ענטפערן אמן כהלכתה.

די געשיכטע האט זיך אנגעהויבן שב"ק פר' משפטים תשנ"ח. רבי הלל האט אין יענע שבת געדאווענט אין א געוויסע שול אין בארא פארק, אזוי ווי זיין שטייגער צו זיין דארט איינמאל א יאר צוליב א 'מגבית' פאר א וויכטיגע צדקה ארגאניזאציע וואס ער נעמט א טייל אין איר עס פירן.

כאטש וואס רבי הלל איז דארט ווי א גאסט, און איבערהויפט אז צוליב די ציל פון זיין קומען האט געדארפט זעהן צו געפונען חן אין די אויגן פון די מתפללים, פונדעסטוועגן האט ער זיך נישט צוריק געצויגן פון צו מחזק זיין זיינע ארומיגע אין די טעמע וואס איז אים אזוי נאנט צום הארץ. אינמיטן די הויכע שמונה עשרה האט ער באמערקט ווי איינער ענטפערט שטענדיג אמן בעפאר דער חזן ענדיגט די ברכה, נאכן דאווענען איז ער צו אים צוגעגאנגען און אים מעורר געווען, "ענטפערן אמן בעפאר דער ש"ץ ענדיגט אינגאנצן די ברכה, ווערט גערעכנט פאר א אמן חטופה וואס איז אסור אזוי ענטפערן". אבער פאר יענעם איז שווער געווען צו מודה זיין, "איין סקונדע ארויף און איין סקונדע אראפ האט נישט קיין באדייט... ווייז מיר א מקור" - האט ער גע'טענה'ט.

אלץ איינער וואס טוט אין די טעמע אזויפיל יארן, זענען די הלכות פון ענטפערן אמן געווען גוט אויסגעשטעלט אין זיין מוח. ער איז באלד צוגעגאנגען צו די ספרים-שאפע און אויפגעזוכט דעם ערשטן חלק פון 'משנה ברורה'. אבער פונקט האט ער נישט געטראפן די באנד.

רבי הלל איז צוריק צו יענעם מענטש און אים געזאגט אז ער האט נישט געטראפן דעם באנד וואס ער זוכט, אבער אויב ער וויל קען ער אליין נאכקוקן די הלכה אין 'משנה ברורה' אין סימן קכד סעיף-קטן ל'. פאר מער רואיגקייט ער האט זיך אינטערעסירט אויף זיין נאמען, און אים געזאגט אז ער וועט אים נאכשיקן א קאפּי פון דער בלאט אין משנה ברורה ווי דארט ווערט דערמאנט די אויבנדערמאנטע הלכה.

די וועג וויאזוי יענער איד האט אנגענומען זיין באמערקונג, אזוי שווער, האט צוגעברענגט אז אין הארץ פון הרב ליטוואק האט זיך אנגעהויבן ערוועקן צווייפלונגען, אפשר האט ער נישט געדארפט אויפמערקן פאר יענעם פרעמדן מענטש.

א וואך איז אריבער פון דעמאלטס. ערש"ק פרשת תרומה איז אנגעקומען א קאנווערט אין די פאסט-קעסטל פון די פאמיליע ליטוואק. אין בריוו איז געשטאנען אז צוליב א געוויסע פראבלעם וואס איז דא אין די טשעק - וואס איז בייגעלייגט - מוז די באנק עס צוריק שיקן. א שנעלע בליק אינעם טשעק איז גענוג געווען פאר הרב ליטוואק זיך איבערצייגן אז דא איז געשעהן א טעות, עס האנדלט זיך נישט מיט זיי'נ'ס א טשעק. ער האט זיך פארבינדן צו די באנק און דער באאמטער האט נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן, נאר אים געזאגט ער זאל אריינקומען אין באנק אויסקלארן דעם ענין.

ביז געציילטע שעה'ן איז אלעס קלאר געווארן, ווען דער טעלעפאן אין די הויז פון פאמיליע ליטוואק האט געקלינגען און פון די אנדערע זייט האט זיך פארגעשטעלט א איד פון בארא פארק און געזאגט אז אויך צו אים איז אנגעקומען א קאנווערט דאס זעלבע וואס איז אנגעקומען צו פאמיליע ליטוואק, אבער אין די בריוו איז געווען די טשעק וואס האט געהערט פאר פאמיליע ליטוואק. עס זעהט אויס אז דער באאמטער אין באנק האט פארטוישט די טשעק'ס.

הרב ליטוואק האט זיך אינטערעסירט אויף זיין נאמען און אדרעס, און האט אפגעשמועסט אז נאך שבת וועט ער זיך טרעפן מיט אים כדי צו טוישן די טשעק'ן.

עטליכע שעה נאכדעם, הארט בעפאר כניסת שבת, איז די געשיכטע נאכאמאל ארויפגעקומען אין די הארץ פון הרב ליטוואק, און אויך די פאמיליע נאמען פון דער וואס האט בטעות באקומען זיין שטעק... דער נאמען איז אים געווען באקאנט, און עס האט אים גענומען עטליכע מינוט זיך דערמאנען פון וואו.

עס זעהט אויס אז דער איז נישט קיין צווייטער פון דער וואס א וואך פריער האט ער אים געטראפן אין שול און אים מעורר געווען אז ער ענטפערט 'אמן חטופה'. די פאמיליע נאמען איז נישט געווען אזוי באקאנט, און אויך די אדרעס וואס ער האט באקומען איז געווען גאנץ נאנט צו די שול וואו ער האט געדאווענט. ער האט נישט געהאט קיין צווייפל אז עס רעדט זיך פון דער מענטש.

הרב ליטוואק האט אין דעם געזעהן א וואונדערליכע השגחה פרטית, ווי מ'ווייזט אים פון הימל אז ער האט גוט געטון ווען ער האט יענעם מענטש מעורר געווען, און אויך ווייטער זאל ער מחזק זיין די ענין פון ענטפערן אמן ווי עס דארף צו זיין.

באלד אום מוצאי שבת האט הרב ליטוואק זיך פארבינדן מיט יענעם און זיך אינטערעסירט אויב ער איז טאקע דער מענטש וואס א וואך צוריק האט ער אים מעורר געווען אויף ענטפערן א 'אמן חטופה'. דער מענטש האט עס באשטעטיגט מיט שטוינונג, און די צוויי האבן אפגעשמועסט זיך צו טרעפן כדי צו טוישן די טשעק'ן.

הרב ליטוואק אנגעקומען צו דער הויז פון יענעם מענטש ווען ער האט אין זיין האנט א 'משנה ברורה' חלק א', און ווען ער האט זיך געטראפן מיט אים האט ער אים פארגעליינט פון אינעווייניג:

אויף די ווערטער אין 'שולחן ערוך' (קכד ח) אויף די איסור פון 'אמן חטופה' - "שלא יחטוף וימהר לענות אותו קודם שיסיים המברך", שרייבט דער 'משנה ברורה' (ס"ק ל): "רצה לומר: שימתין עד שיסיים הש"ץ כל התיבה אחרונה לגמרי. ויש אנשים שמתחילין לענות בעוד שהש"ץ עומד עדיין בחצי תיבה אחרונה וזה אסור".

**ווי אזוי ניצול צו ווערן פון אן אמן חטופה**

**א.** אן אמן חטופה איז אז מען זאגט ארויס דער אל"ף פון אנהייב ווארט מיט א שוו"א און נישט מיט א בקמ"ץ (שו"ע קכד ח).

**ב.** נאך א סארט אמן חטופה איז אז מען זאגט ארויס שנעל אן אמן, נאך פאר מען ענדיגט די ברכה (שם).

## אויפשטיין פרי הרג'עט דעם יצר הרע

רבי אברהם אזולאי בעל 'חסד לאברהם' שרייבט אז השכמת הבוקר איז א וואונדערליכע סגולה "הרג'ענען דעם יצר און אים אונטערטעניגן", און ברענגט אויף דעם א וואונדערליכן רמז פון די גמרא (ברכות נח א): "הבא להרגך - השכם להרגו"; די וועג זיך צו שטארקן אויפן יצר הרע "הבא להרגך", איז דורך אויפשטיין פרי - "השכם להורגו" (הגהות מהר"א אזולאי על הלבוש א א).

אויך דער הפלאה שרייבט אז זיך שטארקן אויפשטיין אינדערפרי צו עבודת ה' איז א "שמירה אויפן גאנצן טאג צו האבן הילף זיך צו שטארקן און געווינען דעם יצר" ('פתחא זעירא' בראש ספר 'המקנה' אות לח).

## זיך שטארקן אין אנהויב

דער 'בית יוסף' הייבט אן זיין גרויסן חיבור 'שולחן ערוך' מיט די ווערטער: "יתגבר כארי לעמוד בבוקר לעבודת בוראו, שיהא הוא מעורר השחר". די הלכה איז די יסוד פון קיום המצוות און עבודת ה' פון דער איד, אזוי ווי דער 'פלא יועץ' שרייבט "אין דעם איז אנגעהאנגען די גאנצע אידישקייט" ('חסד לאלפים א א). ווייל ווען א מענטש הייבט אן זיין טאג מיטן זיך שטארקן צו אויפשטיין מיט א זריזות, דעמאלטס וועט ער קענען זיך שטארקן אויף זיין יצר אין לויף פון א גאנצן טאג. אבער אויב באלד אינדערפרי בייגט ער זיך צום יצר הרע און בלייבט שלאפן, וויאזוי וועט ער קענען זיך אקעגן שטעלן אין לויף פון א גאנצן טאג, די חכמים זאגן דאך (אבות ד ב): "עבירה גוררת עבירה".

און אזוי שרייבט רבי מרדכי דוד לעווין, בעל 'דרכי דוד':

"און די נסיון לערנט אונז, אז דער וואס שטייט אויף און דאוונט ווי עס דארף צו זיין, איז אויך זיין לימוד התורה א גאנצן טאג ווי עס דארף צו זיין, ווייל איינס איז מחזק דאס צווייטע, און ער איז גרייט זיך פארטיפן אין תורה אזוי ווי עס דארף צו זיין. און אויב חלילה וחס איז זיין דאווענען אנהויב טאג אביסל גרינגגעשעצט, און איז נישט ווי עס

> "יתגבר כארי לעמוד בבוקר לעבודת בוראו, שיהא הוא מעורר השחר"

דארף צו זיין, ווערט דער טאג נאכגעשלעפט נאך זיין אנהויב און איז נישט צופרידן מיט זיך. דערפאר דארף דער מענטש זיך שטארקן און זיך אנשטרענגען אין ביידע אינאיינעם - אין דאווענען און אין תורה" ('דרכי דוד' כתובות קי ב).

## דעם לעצטן טאג פול מיט מצוות

אין ספר 'יתגבר כארי' (שער א אות ג) באטייליגט אונז דער מחבר מיט א שאקירנדע דערהער איבער די מעלה פון אויפשטיין אינדערפרי, וואס ער האט באקומען צוליב א מעשה שהיה:

איינער פון זיינע באקאנטע איז פלוצלינג אין א העלן טאג צוזאמגעפאלן אכט אזייגער אינדערפרי, און ביז געציילטע שעה'ן איז ער נפטר געווארן.

אין יענעם טאג איז דער איד אויפגעשטאנען בזריזות ווי זיין שטייגער איז, ער האט געליינט קריאת שמע מיט כוונה, זיך אנגעטון די טלית, געלייגט תפילין, געענטפערט אמן נאך די ברכות השחר, געדאוונט ותיקין בציבור, געענטפערט אמן אויף די קדישים און אויף די הויכע שמו"ע, און אויך זוכה געווען עולה זיין לתורה. נאכדעם האט ער נאך אנגעיאגט זיך צו באטייליגן אין דעם קביעות'דיגן שיעור נאכן דאווענען, און האט דערהויבן זיין נשמה מיט נאך א בלאט גמרא.

איז אויסגעקומען, כאטש ער האט צוריקגעגעבן זיין נשמה באלד אינדערפרי, האט ער נאך אנגעיאגט אין זיין לעצטן טאג מקיים זיין אסאך מצוות, וואס האבן אים באגלייט ווען ער האט צוריקגעגעבן זיין נשמה צום באשעפער.

שטעלט אייך פאר, אויב וואלט יענער איד אויפגעשטאנען שפעט אין יענעם טאג, ווי גרויס וואלט געווען זיין צער אויפן פארלירן די גרויסע מצוות אין דעם לעצטן טאג פון זיין לעבן?

והחי יתן אל לבו, און יעדן אינדערפרי מורא האבן אפשר איז דאס זיינע לעצטע שעה'ן, און אויב ער וועט זיך נישט איילן אויפצושטיין פרי, וועט ער פארלירן די פיל מצוות וואס ער קען מקיים אינדערפרי. ('יתגבר כארי' שער א אות ג).



## די געוואלדיגע שאנד "מַלֵא פְנֵיהֶם קָלוֹן"

**עס איז נישט פארהאן א גרינגערע מצוה ווי ענטפערן אמן, אבער וועגן דעם איז די באשולדידונג אויפן גרינגשעצן אין דעם זייער הארב.**

אין ספר 'רחמי האב' (אות נו) שטייט אז אין די צייט וואס אויף מצוות וואס זענען פארבינדן מיט פלאג אדער געלט, קענען לעתיד לבוא די מליצי יושר מלמד זכות זיין אויף דער וואס האט זיי נישט מקיים געווען, אבער אויף די גרינגשעצונג אין די מצוה פון ענטפערן אמן וועט פאר זיי זיין שווער צו פארענטפערן: "וואס וועט ער ענטפערן ווען מ'וועט אים פרעגן: פארוואס האסטו נישט געענטפערט אמן - וואספארא ארבעט איז דאס?!", און ענדיגט אז אויף די געוואלדיגע בושה וואס ער וועט האבן אין עולם הבא, איז מרמז דער פסוק (תהילים פג יז): "מַלֵא פְנֵיהֶם קָלוֹן" - וואס די סופי תיבות איז אמ"ן.

**טייערער איד!**
**לאמיר מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן, לאמיר אנהייבן דעם טאג מיט זאגן ברכות השחר מיט א חברותא און פארמערן בערג פון זכויות!**

# רזי אמונים

## רמזים פון אמן און מאה ברכות אין די פרשה

### ענטפערן אמן איז ענדערשט ווי זיך באטייליגן ביי א ברית מילה

"וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי יִמּוֹל בְּשַׂר עָרְלָתוֹ" (יב ג)

דער גאב"ד פון רמת אלחנן רבי יצחק זילבערשטיין איז אנגעפרעגט געווארן פון איינער וואס פירט זיך שטענדיג צו זאגן די ברכות השחר מיט זיינע חברים אויף דעם סדר אז יעדער מתפלל זאגט די ברכות און זיי רייע און די אנדערע ענטפערן נאך אים אמן. איין טאג, נאכן זאגן די ברכות פאר די חברים, האט ער זיך דערוואוסט אז עס קומט פאר א ברית מילה אין דעם אויבערשטן שטאק פון שול; האט ער געהאט א ספק צי ער זאל ענדערשט ענטפערן אמן אויף די ברכות פון זיינע חברים, צי ער זאל זיך באטייליגן ביי די ברית, וואס ווי באקאנט איז עס א גרויסע זמן און אויך אליהו מלאך הברית באטייליגט זיך דערביי?

האט ער געענטפערט: ענדערשט צו בלייבן מיט די גרופע וואס ענטפערן אמן אויף די ברכות השחר ווי זיך באטייליגן ב' די ברית, ווייל דער וואס ענטפערט אמן איז מקיים א מצוה בפועל, אין די צייט וואס זיך באטייליגן ביי די ברית איז נישט קיין מצוה. אזוי אויך, די סיבה אז אליהו הנביא קומט צו א ברית, איז נישט קיין סיבה אפלאזן די חבורה וואס ענטפערט אמן און גיין צום ברית, ווייל מיטן ענטפערן אמן באשאפט דער מענטש נייע מלאכים, אזוי ווי יעדער זעט פון דעם באקאנטן רמז: "אמן" איז בגימטריה מלאך. ('ווי העמודים וחשוקיהם' קובץ מו עמ' צו).

### 'טמא טמא' – קעגן דעם וואס מ'האט מבטל געווען די מאה ברכות

"וְרֹאשׁוֹ יִהְיֶה פָרוּעַ וְעַל שָׂפָם יַעְטֶה וְטָמֵא טָמֵא יִקְרָא" (יג מה)

איינער פון די פריערדיגע חכמי תימן זאגט:

פארוואס ווערט דער מצורע געשטראפט מיט דעם אז ער דארף אויסרופן פאר אלעמען "טמא טמא"? ווייל ער האט נישט געזאגט 'מאה ברכות' יעדן טאג, ווערט ער געשטראפט אויסרופן אנשטאט דעם "טמא טמא" - וואס איז גימטריה הונדערט ('שואל ומשיב' ילקוט מדרשים).

### אמן נעמט אוועק די נגעים

"זֹאת תִּהְיֶה תּוֹרַת הַמְּצֹרָע בְּיוֹם טָהֳרָתוֹ וְהוּבָא אֶל הַכֹּהֵן" (יד ב)

די דורשי רשומות זאגן אז מקפיד זיין אויף ענטפערן אמן טוט ראטעווען פון קרענק און קראנקהייטן, און דער ראי' אויף דעם, אז די "שיר של פגעים" וואו דארט שטייט: "לא תאונה אליך רעה ונגע לא יקרב באהלך", איז קאפיטל צ"א אין תהילים - די גימטריה פון 'אמן'.

אויך פון דעם וואס אונזער פרשה, פרשת מצורע, ציילט זיך ניינציג פסוקים, קען מען ברענגען א רמז אויף דעם אז דער וואס איז מקפיד אויף ענטפערן יעדן טאג ניינציג אמנים אזוי ווי די תקנה פון די קדמונים, ווערט געראטעוועט פון די נגעים (ראה 'שערי צדק', נדפס בתוך ספר 'אסוך השמן', פרשת מצורע).

# שערי גן עדן

## אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא

### דער 'היכל הברכה'

#### י' אייר תרל"ד



דער אוהל פונעם 'היכל הברכה' אין קאמארנא

האדמו"ר רבי יצחק אייזיק יהודה יחיאל סאפרין איז געבוירן אין יאר תקס"ו צו זיין פאטער האדמו"ר רבי אלכסנדר סנדר פון קאמארנא. אין זיין יוגנט האט ער געלערנט ביי זיין גרויסן טאטן.

דערנאך וואס ער איז פאר'יתומ'ט געווארן פון זיין פאטער אין עלטער פון צוועלף יאר, איז ער איפגעוואקסן ביי זיין פעטער, זיין טאטנ'ס ברודער, האדמו"ר רבי צבי הירש פון זידיטשוב, און נאך זיין חתונה מיט די טאכטער פון דער צדיק רבי אברהם מרדכי פון פינטשוב, איז ער אריבער וואוינען אין פינטשוב, דארט האט זיין שווער געדינט אלס רב.

ער איז אסאך ארום געפארן צו די צדיקים אין זיין דור און זיך געלערנט פון זיי די ריכטיגע וועגן, אבער זיין עיקר תורה האט ער מקבל געווען פון זיין שווער און פון זיין פעטער דער זידיטשובער רבי. נאך די פטירה פון זיין פעטער אין יאר תקצ"א, זייענדיג אינגאנצן אלט פינף און צוואנציג יאר, איז ער צוריק קיין קאמארנא. דארט האט אנגעהויבן שטראמען צו אים א ריזן ציבור חסידים, און איז באקאנט געווארן אלס א וואונדער צדיק און א פועל ישועות.

ער האט מחבר געווען אסאך ספרים וואו ער שטעלט צוזאם די וועג פונעם אר"י הק' און תורת בעל שם טוב, צווישן זיי: 'היכל הברכה' - א פירוש אויף חמשה חומשי תורה; 'אוצר חיים' אויף תרי"ג מצוות; 'זוהר חי' - א פירוש אויפן ספר זוהר; 'מעשי אורג', 'עצי עדן' און 'פני זקן' אויף ששה סדרי משנה.

ער איז נפטר געווארן י' אייר תרל"ד, און ליגט באהאלטן אין קאמארנא.

### א ציטער און א טרייסל

דער קאמארנער רבי' אין זיין ספר 'שלחן הטהור' (רטו ד) שרייבט אז דער זוהר הק' און אין זיינע פוס טריט אויך דער אר"י הק' האבן זייער מחמיר געווען אין די שטראף פון דער וואס איז מבטל די מצוה פון ענטפערן אמן, און אקעגן דעם זענען זיי מאריך אין די גרויסקייט פון דער וואס געבט אכטונג אין דעם. און דער וואס קוקט אין זייערע ווערטער "וועט אים אנכאפן א שרעק און א ציטער. דעריבער זאל דער מענטש זיין געווארנט צו ענטפערן אמן מיט גרויס כוונה און ישוב הדעת... און אכטונג געבן צו ענטפערן ניינציג אמנים נאך ברכות און קדיש...".

### די גימטריה פון אמן מיט איר מילוי

נאך שרייבט דער קאמארנער (שם ב'זר זהב' ס"ק ב) אז די גימטריה פון זיין נאמען 'יצחק יהודה יחיאל' איז צוויי הונדערט מיט זיבן און ניינציג, פונקט ווי די גימטריה פון די ווארט אמן מיט איר מילוי [אל"ף מ"ם נו"ן], אין ליכט פון דעם פירט אויס דער רבי' מיט א געבעט: "איך זאל זוכה זיין מקבל זיין די פני השכינה מיט די אור פון שלוש מאות ושבעים נהורין", וואס צו דעם איז מען זוכה אין זכות פון ענטפערן אמן.

### דער מנהג פון 'בעל שם טוב'

אין דער ענין פון מחנך זיין די קינדער אויף ענטפערן אמן, שרייבט אזוי האדמו"ר רבי יצחק אייזיק פון קאמארנא אין זיין ספר 'שולחן הטהור' (צח ג):

"עס איז גוטער מנהג... אז דער מלמד ברענגט די תינוקות של בית רבן אין שול זיי זאלן ענטפערן אמן און 'יהא שמיה רבה' און זאגן קדושה מיט זייער זיסע שטימע. און אזוי האט געטון מרן רבי ישראל בעל שם טוב אין זיינע יונגע יארן, ער האט צוזאם גערופן אלע תינוקות של בית רבן אין שול צו ענטפערן 'אמן, יהא שמיה רבה'".